**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/30/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט קומענדיגע שריט אין פלענער צו פארשטערקערן היים קעיר סערוויסעס פאר ניו יארקער**

***שותפות לענגאויס די שטאט איבערצוגעבן היכע קוואליטעט סערוויסעס פאר היים קעיר באנוצער, שטיצע קעירגעבער, און צו פארזיכערן לאנג-טערמינענדע סטאביליטעט פון נויטיגע CDPAP***

***נייע שותפות פון איבער 30 ראיאנישע היים קעיר שותפים צו פארזיכערן א קעיר וואס ווערט געגעבן אין פילע שפראכן, און איז סענסעטיוו צו דעם באנוצערס' קולטור***

***נייע שותפות וועט זיין אונטער אויפזיכט אין ניו יארק סטעיט און שאפן איבער 1,200 פאסטנס פאר ניו יארקער***

***שטאטישע אפיצירן און שותפים צו ארבעטן אינאיינעם מיט היים קעיר באנוצער, דיסאביליטי און פארעלטערטע אדוואקעיטס, אויסגעוועלטע אפיצירן, און אנדערע ביזנעסער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן א שותפות לענגאויס די שטאט און ברייטע אויסוואל פון מיטארבעטונג פון איבער 30 ראיאנישע שותפים וואס וועלן פארשטערקערן ניו יארק'ס קאסטומער דירעקטירטע געפירטע פערזענליכע הילף פראגראם (Consumer Directed Personal Assistance Program, CDPAP), וועלכע גיבט נויטיגע היים קעיר סערוויסעס פאר אומגעפער 250,000 ניו יארקער. די שותפות וועט אריינגיין אין אפעקט אינמיטן פון יאר 2025. דאס פאלגט נאך די פלאן פאר CDPAP וואס איז דורכגעפירט געווארן אין אפריל דורך די שטאטישע לעגיסלאטור און איז באשטעטיגט געווארן דורך די גאווערנער אלס טייל פון די פיסקאלע יאר 2025 שטאטישע בודזשעט.

"מיר זענען אנטשלאסן צו באשיצן היים קעיר באנוצער, שטיצן קעירגעבער און פארזיכערן אז די נויטיגע CDPAP פראגראם דינט ווייטער די ניו יארקער וואס פארלאזן זיך אויף דעם," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער פלאן וועט איבערגעבן א שטערקערע CDPAP און צוברענגען א שותפות וואס סערווירט א ברייטע אויסוואל פון באנוצער איבער די גאנצע סטעיט צו פארזיכערן די היכע קוואליטעט, פערזענליכע קעיר וואס ניו יארקער דארפן."

ניו יארק'ס שותף לענגאויס די סטעיט איז פאבליק שותפות'ן - Public Partnerships LLC (PPL), וואס וועט ריקן איר נאצעניאלע פירערשאפט צו ניו יארק סטעיט און שאפן איבער 1,200 פאסטנס פאר ניו יארקער און וועט אויך שטיצן CDPAP קעירגעבער וואס ארבעטן יעצט איבער די סטעיט.

אלס טייל פונעם פראצעדור, וועט זיך CDPAP בארעכטיגונג פאר היים קעיר באנוצער נישט טוישן, און אינדיווידואלן וואס באקומען קעיר דורך די פראגראם וועלן זיך נישט דארפן נאכאמאל איינגעבן. אין צוגאב, וועט די פראצעדור צו פארשטערקערן CDPAP פארזיכערן אז קעירגעבער באקומען ווייטער

צייטליך באצאלט און עס וועט פארמיידן סיי וועלכע שטערונג אין סערוויסעס פאר די וואס פארלאזן זיך אויף די פראגראם.

אלס טייל פון ניו יארק'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו באשיצן היים קעיר באנוצער, האט די גאווערנער אויך געמאלדן אז שטאטישע אפיצירן און שותפים וועלן יעצט אנהייבן א פולקאמע אריבערפירונג פראצעדור וואס וועט אריינרעכענען דירעקטע זיצונגען מיט CDPAP באנוצער און קעירגעבער, דיסאביליטי און פארעלטערטע אדוואקעיטס און אנדערע ביזנעסער דורכאויס די קומענדיגע מאנאטן.

**סטעיט געזונטהייט קאמישאנער דר. דשעימס מקדאנעלד האט געזאגט,** "די קאנטראקט באלוינונג פארזיכערן אז די סטעיט וועט ווייטער געבן די נויטיגע קעיר אפציעס דורך די קוסטומער געפירטע פערזענליכע הילף פראגראם, ווי אויך פארשטערקערן די נויטיגע פראגראם כדי ס'זאל איבערגעבן אומגעשטערטע סערוויסעס און קעיר צו די וואס דארפן עס, געבן גרעסערע פיסקאלע פארלעסליכקייט, און צייטליכע באצאלונג פאר פראוויידערס. גאווערנער האקול האלט ווייטער אן צו באשיצן די וואס ווערן געדינט דורך די פראגראם פון אפפאל און אביוז, און די ברייטע אויסוואל פון נייע שותפות'ן וועט אפהיטן די באשלוס און אנגייענדע ארבעט פון ניו יארק סטעיט איבערצוגעבן היים קעיר אין פילע שפראכן און וואס איז סענסיטיוו צום באנוצער'ס קולטור וואס איז גרינג צוצוקומען דערצו פאר די וואס פארלאזן זיך דעראויף היינט, און פאר די וואס וועלן עס דארפן אינעם צוקומפט."

**PPL פרעזידענט און הויפט עקזעקיוטיוו אפיציר ווינץ קאפאלע האט געזאגט,** "מיר זענען גליקליך און שטאלץ צו דינען אלס שותף צום סטעיט, אונזערע איבער 30 ראיאנישע FI (פינאנציעלע אינסטיטושנס) שותפים, און לאקאלע אדוואקעיטס אין ווערן אריבערגעפירט צו די קוסטומער געפירטע פערזענליכע הילף פראגראם. אונזער דגש איז אויף פארזיכערן די וויניגסטע שטרויכלונגען מעגליך פאר קוסטומער און קעירגעבער בשעת מיר ארבעטן איבערצוגעבן א פראצעדור וואס איז סענסיטיוו צום באנוצער'ס קולטור וואס וועט העלפן אנהאלטן די פראגראם פאר די פילע ניו יארקער וואס פארלאזן זיך דעראויף."

**1199SEIU United Healthcare ארבעטערס עיסט פרעזידענט דשאורדש גרעשעם האט געזאגט,** "מיר ווייסן אז שטייערבאצאלער דאלארן וואס ווערן צוגעטיילט פאר היים קעיר ווערט אפטמאל נישט ריכטיג אויסגעגעבן אויף איבריגע אדמיניסטראציע קאסטן און מיליאן-דאלערדיגע עקזעקיוטיוו געהאלטן. א דורכגעטראכטע אריבערפירונג צו די פראגראם איז די שליסל צו פארזיכערן אז עמפינדליכע ניו יארקער קענען ווייטער וואוינען מיט כבוד אין זייערע אייגענע היימען - און אויך באשיצן די קעירגעבער וואס געבן אזויפיל שטיצע פאר עלטערע מענטשן און פאר די וואס לעבן מיט דיסאביליטיס. מיר זענען דאנקבאר צו גאווערנער האקול פאר'ן נעמען די שריט זיך אנצונעמען פאר די ספעציעלע אינטערעסן און בעסער באשיצן היים קעיר קוסטומער און די ארבעטער וואס געבן זיך אפ מיט זיי. מיר זענען אנטשלאסן צו ארבעטן אינאיינעם מיט די גאווערנער ענדליך צו קענען גאראנטירן גלייכקייט אין די אלגעמיינע מעדיקעיד פראגראם און צו פארזיכערן אן אומגעשטערטע אריבערפירונג פאר היים קעיר קוסטומער און פאר ארבעטער."

דורכ'ן זיך ארייננלייגן אין א שותפות לענגאויס די שטאט מיט PPL, וועט די סטעיט אויך קענען אקטיוויזירן PPL'ס אויסוואל פון שותפות'ן פון 'סאב-קאנטראקטעטע' ( - ביזנעסער וואס מען האט אויפגענומען אלס שותף אלס טייל פון א גרעסערע פראיעקט) שותפים לענגאויס די סטעיט, וועלכע וועלן פארזיכערן היים קעיר אין פילע שפראכן און וואס איז סענסיטיוו צום באנוצער'ס קולטור און CDPAP באנוצער קענען גרינג צוקומען דערצו אויף א ראיאנישע באזיס.

אונטער שטאטישע באשטעטיגונג, ווערט די אויסוואל פון שותפות'ן ערווארטעט צו ענטהאלטן:

- Four Core Regional Home Care Partners:

- Chinese American Planning Council, די הויפט ראיאנישע שותף פאר ניו יארק סיטי, לאנג איילענד, און וועסטשעסטער קאונטי.
    - Concepts of Independence, Inc., די הויפט ראיאנישע שותף פאר די האדסאן וואלי ראיאן וואס רעכנט אריין ראקלענד, דאטשעס, פאטנאם און דערנעבנדיגע קאונטיס.
        - Angels In Your Home, די הויפט ראיאנישע שותף פאר געגנטער אינמיטן פון די סטעיט אריינגערעכנט אלבאני, סאראטאגא, ראטשעסטער, באפעלאו, סירעקאוז און דערנעבנדיגע קאונטיס.
            - Consumer Directed Choices (CDChoices), די הויפט ראיאנישע שותף פאר אפסטעיט און דרום-מערב געגנטער אריינגערעכנט אלעגאני, אסוועגא, האמילטאן, קלינטאן און דערנעבנדיגע קאונטיס.

- סטראטעגישע שותפות צוזאמענארבעט פון קאמיוניטי-באזירטע פראוויידערס:
    - איבער 30 אנדערע היים קעיר אגענטורן זענען יעצט אקטיוו אין ניו יארק'ס CDPAP וואס געבן איבער א ברייטע אויסוואל פון קעיר אין פילע שפראכן און זענען סענסיטיוו צום באנוצער'ס קולטור פאר קאמיוניטיס לענגאויס די סטעיט. די ליסטע פון נאך אגענטורן וואס נעמען אנטייל אין די סטראטעגישע שותפות צוזאמענארבעט וועט ווערן געמאלדן אינעם נאנטן צוקומפט.

**Chinese-American Planning Council Home Attendant Program Inc. (CPCHAP) פרעזידענט און הויפט עקזעקיוטיוו אפיציר וועין האו האט געזאגט,** "מיר האבן געפונען א שותף אין PPL וואס פריאריטעזירט קולטורישע פעאיגקייט און שטיצע פאר אונטערגעדינטע קאמיוניטיס. אינאיינעם מיט אונזערע ראיאנישע FI שותפים, קוקן מיר ארויס ווייטער צו שטיצן צוטריט צו סערוויסעס און הילפסמיטלען פאר CDPAP ביזנעסער."

**Concepts of Independence CEO אנטאני קאפיוטא האט געזאגט,** "מיר זענען איבערגליקליך צו זיין א טייל פון די טיעם פון FI's וואס וועלן פירן CDPAP פאראויס פאר די קומענדיגע יארן. PPL און די סטראטעגישע שותפום צוזאמענארבעט פון FIs פארשטייען די וויכטיגקייט פון די פראגראם פאר אונזערע מערסטע עמפינדליכע בירגער, און מיר זענען אנטשלאסן צו מאכן די אריבערפירונג שטרויכלונג-פריי."

**Angels in Your Home CEO דשאן וועגמאן האט געזאגט,** "PPL דינט שוין די פארעלטערטע און באגרעניצטע קאמיוניטיס פאר 25 יאר, דעריבער זענען מיר געווארן גליקליך ווען זיי האבן געבעטן צו ווערן א ראיאנישע FI שותף. אזער ציל איז ווייטער צו דינען אונזערע CDPAP קוסטומער און פערזענליכע העלפער בשעת'ן אויסברייטערן די מעגליכקייט צו קענען אקאמידירן די CDPAP ביזנעסער וואס קומען פון אנדערע FIs."

**Consumer Directed Choices CEO קריס גרעיבער האט געזאגט,** "CDChoices איז געווען די פיאניר FI פאר CDPAP און האט כסדר געשטרעבט צו פארבעסערן די פראגראם פאר קוסטומער און פערזענליכע העלפער. מיר זענען שטאלץ צו זיין א חלק פון די PPL טיעם וואס גייט פאראויס בשעת מיר ארבעטן צו ערררייכן א שטרויכל-פרייע אריבערפירונג און אז די פראגראם זאל קענען אנהאלטן."

**שותפות פאר ניו יארק סיטי פרעזידענט און CEO קעטרין ווילד האט געזאגט,** "גאווערנער האקול האט ארויסגעוויזן אמת'ע פירערשאפט דורכ'ן פארשטערקערן CDPAP צו פארזיכערן אז

שטייערגעצאלטע דאלארן וועלן ווערן גענוצט פאר זייער אמת'ע ציל: הויכע קוואליטעט סערוויס פאר CDPAP היים קעיר באנוצער. מיר קוקן ארויס אויף צו זען די פלאן זיך ריקן פאראויס כדי ס'זאל קענען איבערגעבן די נויטיגע פירערשאפט אויפזיכט פון די פראגראם און איבערגעבן די בעסטע רעזולטאטן פאר היים קעיר באנוצער און פאר זייערע קעירגעבער."

אין צוגאב, האט גאווערנער האקול אונטערגעשטרייכט די שטאטישע אפיצירן און שותפות'ן וואס וועלן יעצט אנהייבן א פולקאמע אריבערפירונג פראצעדור וואס לייגט א דגש אויף פארזיכערן קאמיוניקאציע, דיאלאג און שטיצע פאר CDPAP היים קעיר באנוצער און קעירגעבער.

די אריבערפירונג פראצעדור וועט אנהאלטן דורכאויס די קומענדיגע מאנאטן און וועט פארזיכערן אז היים קעיר באנוצער און קעירגעבער ווערן באשיצט איידער די נייע שותפות לענגאויס די שטאט גייט אריין אין אפעקט.

די פראצעדור וועט אריינרעכענען:

- דירעקטע פערזענליכע און ווערטואלע זיצונגען מיט היים קעיר באנוצער און קעירגעבער לענגאויס די סטעיט.
- צוזאמענארבעט מיט דיסאביליטי און פארעלטערטע אדוואקאסי גרופעס.
- אפענע דיאלאג מיט אויסגעוועלטע אפיצירן לענגאויס די סטעיט.
- אנגייענדע איבערזיכט דורך שטאטישע אפיצירן צו פארזיכערן אז די געברויכן פון היים קעיר באנוצער און קעירגעבער ווערן פולקאם אדרעסירט איידער די נייע שותפות לענגאויס די סטעיט גייט אריין אין אפעקט.

אין צוגאב, האט PPL אונטערגעשטרייכט אז די נייע שותפות לענגאויס די סטעיט וועט ענטהאלטן א ווירבלדיגע, פיל-שפראכיגע, צוטריטפולע קאמיוניקאציע פלאן וואס וועט לייגן א דגש אויף דריק, דידשיטאלע און סאושעל מידיע אינהאלט צו פארזיכערן אז היים קעיר באנוצער און זייערע פאמיליעס פארשטייען די CDPAP סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט צו זיי און פארגרינגערן פאר היים קעיר באנוצער אויסצואוועלן די פאסיגע קעירגעבער צו אדרעסירן זייערע געברויכן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן